# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים עיה"ק אומאן**
הדלקת הנרות.................6:15
מוצאי שבת שובה............7:41

**שיעורים כסדרן** א׳ ראש השנה
נ"ך.........................משלי ט׳-י׳
בבלי...................בבא בתרא ק׳
ירושלמי...................יומא כ"ב
תוספתא.......................פרה ב׳
רמב"ם..................מעילה ג׳


ראש השנה, שנת תשפ"ה לפ"ק

שנה 14, גליון 1 (669)


# בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב׳) אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט וֶוען מֶען וַוארְפְּט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיף אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיף אִים. דֶערְפַאר, יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף, אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען זָאל אִיבֶּער גֶעבְּן דֶעם טָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג פַאר דִיר, אַלֶעס וָואס אִיךְ אוּן מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען תָּלוּי אִין מִיר וֶועלְן טוּן, זָאל אַלֶעס זַיין אַזוֹי וִוי דוּ ווִילְסְט". אוּן דַאן דַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט זָארְגְן אוֹיבּ עֶס פִירְט זִיךְ יָא גוּט אָדֶער נִישְׁט, וַוייל מֶען הָאט עֶס דָאךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל פִירְן דֶעם טָאג אַנְדֶערְשׁ, ווִיל מֶען אוֹיךְ נָאר אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל. דִי זֶעלְבֶּע אִיז פַאר עֶס קוּמְט אַ שַׁבָּת אָדֶער אַ יוֹם טוֹב, גֶעבְּט מֶען עֶס אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ מֶער גָארְנִישְׁט זָארְגְן, צִי מֶען הָאט יָא יוֹצֵא גֶעוֶוען ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין אָדֶער נִישְׁט, וַוייל מֶען הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען אִיז מַסְכִּים אַז עֶר זָאל עֶס פִירְן ווִי אַזוֹי עֶר ווִיל.

יֶעצְט, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען מֶען הַאלְט בַּיים אָנְהוֹיבּ יָאר, קֶען מֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן דֶעם גַאנְצֶע יָאר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע יָאר, אַלֶע מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, מַעֲשִׂים אוּן דִיבּוּרִים פוּן דֶעם גַאנְצְן יָאר זָאלְן זַיין נָאר אַזוֹי ווִי דוּ ווִילְסְט, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נָאר טוּן דַיין ווִילְן דֶעם גַאנְצְן יָאר, אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טוּן קַיין שׁוּם עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם". אוּן אַזוֹי קֶען זִיךְ יֶעדֶער אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִים, ווִי שְׁטַארְק אִיז מַיין ווִילְן אִיז צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַרוֹיס זַיינֶע רְצוֹנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי וואוּיל, עֶר פִירְט זִיךְ נָאכְנִישְׁט אוֹיף אִינְגַאנְצְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאגְט עֶר אָבֶּער כָאטְשׁ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין, וָואס עֶר וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט טוּן** (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ל"א וְסִימָן ס"ו).

דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיךְ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"א): **"רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען הָאבְּן דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ צוּ טְרַאכְטְן נָאר גוּטְס, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער נָאר גוּטְס טוּן מִיט אוּנְז, אוּן אוּנְז אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּטֶע יָאר"**. דָאס אִיז אַזוֹי ווִי דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן כ"א) אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, דֶערְפַאר וואוּיל אִיז דֶער וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר טְרַאכְט נָאר גוּטְס אַ גַאנְץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **"עֶס וֶועט זִיכֶער קוּמֶען אַ גוּטֶע פֵיינֶע יָאר", "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ", "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ הָאבְּן גֶעלְט", "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה", "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן מַיינֶע קִינְדֶער" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.**

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"א): **"רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זֶען צוּ רֶעדְן ווִי וֶוייניגֶער"**. דֶערְפַאר פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ נִישְׁט צוּ רֶעדְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אִיבְּרִיגֶע זַאכְן.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קי"ג) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פַּסְקְ'נְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אַלֶע גְזֵירוֹת, מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ צְוֵוייטְן: "וָואס הַאלְסְטוּ קוּמְט זִיךְ פַאר יֶענֶעם וָואס הָאט גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס?" אוּן דֶער מֶענְטְשׁ עֶנְטְפֶערְט: "פַאר אַזַא זַאךְ קוּמְט אִים אַ גְרוֹיסֶע עוֹנֶשׁ!" אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז יֶעצְט הָאט עֶר גֶע'פַּסְקְ'נְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין.

סְפֶּעצִיעֶל אִין דֶעם טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען אָפְן דִי סִפְרֵי חַיִּים וְסִפְרֵי מֵתִים, מֶען אִיז דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס וֶועט פַּאסִירְן מִיט אִים דֶעם גַאנְצְן יָאר, דַארְף מֶען זִיכֶער זַיין גֶעוָוארֶענְט, נִישְׁט צוּ רֶעדְן צוּ אַסַאךְ, וַוייל מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם פַּסְקְ'נֶען פַאר זִיךְ אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הִיט זַיין מוֹיל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן רֶעדְט נִישְׁט וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ אוּן גֶעשְׁמַאקֶע יָאר.

אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"א): **"רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען דַארְף אוֹיךְ ווֵיינֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה"**. בֶּאֱמֶת גֵייט דִי בֵּיידֶע זַאכְן אִינְאֵיינֶעם, פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן וָואס אִיז מְחַזֵּק אוּן שְׁטַארְקְט יֶעדְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דָאס טַאקֶע מַאכְט אוֹיךְ ווֵיינֶען אוּן חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס בִּיז יֶעצְט אִיז מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר ווֵיינְט פַאר שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ פֵיינֶע גוּטֶע יָאר.

(סֵפֶר הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה)

# אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

גֶעלוֹיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין נָאךְ אַ יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז אַזַא שִׂמְחָה! דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "מִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר.

יֶעצְט אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דָא בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְף מֶען אִיבֶּערְ'חַזֶרְ'ן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלֶץ רֶעדְן בַּיי דִי לֶעצְטֶע דְרָשָׁה רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: מֶען דַארְף זִיךְ מִיטְנֶעמֶען אַלֶע זַאכְן פוּן רֶבִּי'ן אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער עִיקָר הָעִקָּרִים פוּן רֶבִּי'ן אִיז: "תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת". דָאס מֵיינְט 'אַ בְּרֶסְלֶב'ֶער חָסִיד', אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין אָנְהֵייבּ אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט נִישְׁט אַז

<<<<<<

# א גוט ווארט

עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ גֵיין צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן מֶען מַאכְט דָארְט וִידּוּי דְבָרִים, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט פוּן וֶוען מֶען אִיז גֶעבּוֹירְן, אַלֶעס וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט. מֶען זָאגְט אַרוֹיס מִיט דִי מוֹיל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי גֵייעֶן אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי בֵּיינֶער, וָואס אִיז גֶעוָוארְן אַיינְגֶעקְרִיצְט בַּיים טוּן דִי עֲבֵירוֹת.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט ווִי אַ פְרוֹי שְׁרֵייט בַּיים קֶבֶר פוּן אִיר טַאטֶע, הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנו): "דוּ הֶערְסְט ווִי דִי פְרוֹי ווֵיינְט אַזוֹי שְׁטַארְק, אָבֶּער קֵיינֶער הֶערְט אִיר נִישְׁט אוֹיס, אִיר טַאטֶע אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא, אָבֶּער וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אַ קֶבֶר פוּן אַ צַדִּיק אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דֶער צַדִּיק אִיז יָא דָארְט אוּן הֶערְט זִיךְ צוּ, וַוייל וֶוען אַ צַדִּיק גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי ווִי אֵיינֶער גֵייט אַרוֹיס פוּן אֵיין שְׁטוּבּ צוּם צְוֵוייטְן שְׁטוּבּ", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִיר גֶעזָאגְט: "פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי וֶוען אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטֶע שְׁטוּבּ אוּן דוּ וֶועסְט שְׁרֵייעֶן 'טַאטֶע' וֶועל אִיךְ דִיךְ זִיכֶער הֶערְן, אַזוֹי וֶועט זַיין וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן דוּ וֶועסְט שְׁרֵייעֶן 'טַאטֶע', וֶועל אִיךְ דִיךְ הֶערְן אוּן אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תֵּצֵא תשפ"ד)

# שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

חֲזַ״ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שְׁקָלִים פֶּרֶק א׳ הֲלָכָה ב׳) ״כָּל הָאוֹמֵר שְׁמוּעָה מִפִּי אוֹמְרָהּ, יְהֵא רוֹאֶה בַּעַל הַשְּׁמוּעָה כְּאִלּוּ הוּא עוֹמֵד כְּנֶגְדּוֹ״, וֶוען מֶען זָאגְט נָאךְ אַ מֵימְרָה פוּן אַ צַדִּיק, דַארְף מֶען זֶען אַזוֹי וִוי דֶער צַדִּיק שְׁטֵייט יֶעצְט פַאר אִים.

דֶער עִנְיָן פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז מֶען גְלֵייבְּט בֶּאֱמֶת אִין אַ צַדִּיק קֶען מֶען דוּרְךְ דֶעם צוּקוּמֶען מַמָּשׁ צוּ זֶען דֶעם צַדִּיק פַאר זִיךְ. דִי שְׁלֵימוּת פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים אִיז אַז וֶוען מֶען לֶערְנְט זַיינֶע סְפָרִים אָדֶער וֶוען מֶען זָאגְט נָאךְ זַיין דִיבּוּרִים זָאל מֶען מַמָּשׁ שְׁפִּירְן וִוי דֶער צַדִּיק שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים.

וֶוער עֶס גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ דֶעם, יֶעדֶעס מָאל עֶר לֶערְנְט אַ הֵיילִיגֶע סֵפֶר אָדֶער זָאגְט נָאךְ אַ מַאֲמָר פוּן אַ צַדִּיק, טְרַאכְט עֶר וִוי דֶער צַדִּיק אִיז מַמָּשׁ דָא, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז אַלֶעמָאל אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט תַּנָּאִים, אֲמוֹרָאִים, אוּן צַדִּיקִים, וָואס עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר תּוֹרָה, אוּן עֶר דַארְף שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם.

*

אֵיינְמָאל רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט נָאךְ מַעֲרִיב, בַּיים קִיבּוּץ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אוּמַאן, הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ זֵייעֶר צוּפְלַאמְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְלַהֲבוּת, ״אִיךְ גְלַייךְ אַז דֶער רֶבִּי אִיז דָא, אוּן אִיךְ זֶע אִים. אוּן אַז דֶער רֶבִּי אִיז דָא, זֶענֶען דִי שִׁבְעָה רוֹעִים אוֹיךְ דָא״, אוּן עֶר הָאט זִיךְ צֶעפֵייעֶרְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן, ״אִיךְ זֶע זֵיי, אִיךְ זֶע זֵיי!״.

דִי אָנְוֶועזְנְדֶע הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אַז פוּן זַיין גְרוֹיס דְבֵיקוּת אוּן אֱמוּנָה, זֶע עֶר זֵיי מַמָּשׁ בֶּאֱמֶת.

*

אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן אֱמוּנַת צַדִּיקִים דַארְף זַיין מִיט שֵׂכֶל, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן. אֱמוּנַת צַדִּיקִים מֵיינְט אַז מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער צַדִּיק קֶען מִיר הֶעלְפְן וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער צַדִּיק מַאכְט מִיר אוֹיף דִי אוֹיגְן אַז אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, ״וָואס גֵייט פָּאר מִיט מִיר? אִין וֶועלְכֶע מַצָּב גֶעפִין אִיךְ זִיךְ? וָואס הָאב אִיךְ גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט? וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ אַזוֹי פַארְשְׁמִירְט מִיט עֲבֵירוֹת?״.

אוֹיבּ גְלֵייבְּט מֶען אִינֶעם צַדִּיק אוֹיף אַזַא אוֹפָן, אַז דֶער צַדִּיק וֶועקְט מִיךְ אוֹיף אוּן וַוייזְט מִיר וואוּ אִיךְ הַאלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר מַאכְט אַז אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶעמָאלְט אִיז אַ סִימָן אַז מֶען הָאט אֱמֶת׳עֶ אֱמוּנַת חֲכָמִים, אָבֶער אוֹיבּ נִישְׁט, אִיז מֶען פַארְפוֹילְט דוּרְךְ אוּן דוּרְךְ, מֶען נַארְט זִיךְ גוּט אָפּ.

(אִמְרֵי מוֹהֲרָא״שׁ, חֵלֶק א׳, סִימָן י״ז-י״ט)

# סֵפֶר הַמִּדּוֹת

כ. בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה דָּנִין אֶת הָאָדָם כַּמָּה יַפְסִיד, וְאִם זָכָה נוֹתֵן זֶה הַמָּמוֹן לַעֲנִיִּים. אוֹם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ וִויפִיל גֶעלְט עֶר וֶועט פַארְלִירְן דָאס יָאר, אוּן אוֹיבּ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ זוֹכֶה, גֶעבְּט עֶר דָאס גֶעלְט פַאר צְדָקָה פַאר אָרֶעמֶעלַייט.

(סֵפֶר הַמִּדּוֹת, צְדָקָה, סִימָן כ׳)

ז. מִי שֶׁיּוֹדֵעַ מֵאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שֶׁטָּעַם בֶּאֱמֶת טַעַם אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הוּא יָכוֹל לְהַכִּיר בְּאַחֵר, אִם הָיָה אֵצֶל צַדִּיק אֲמִתִּי עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִם לָאו. כִּי מִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת אֵצֶל צַדִּיק אֲמִתִּי עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אֲזַי בְּכָל מָקוֹם שֶׁהָאִישׁ הַזֶּה מִסְתַּכֵּל, נַעֲשֶׂה אוֹתוֹ הָאֲוִיר בְּחִינַת אֲוִירָא דְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וְעַל כֵּן מִי שֶׁיּוֹדֵעַ מִטַּעַם אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כָּל אֶחָד כְּפִי עֶרְכּוֹ, הוּא מְחֻיָּב לְהַרְגִּישׁ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כְּשֶׁפּוֹגֵעַ וּמִתְוַעֵד יַחַד עִם זֶה הָאִישׁ, שֶׁהָיָה אֵצֶל צַדִּיק אֲמִתִּי עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, כִּי עַל יָדוֹ נַעֲשֶׂה הָאֲוִיר בִּבְחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כַּנַּ״ל. וֶוער עֶס וֵוייסְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דָאס הֵייסְט אַז עֶר הָאט בֶּאֱמֶת גֶעשְׁפִּירְט דֶעם טַעַם פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער קֶען דֶערְקֶענֶען אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוֹיבּ יֶענֶער אִיז גֶעוֶוען בֵּיי אַן אֱמֶת׳ן צַדִּיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָדֶער נִישְׁט. וַוייל דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בֵּיי אַן אֱמֶת׳עֶר צַדִּיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט נָאר קוּקְן, וֶועט דִי לוּפְט דָארְט וֶוערְן אַן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל׳דִיגֶע לוּפְט, אוּן דֶערִיבֶּער וֶוען אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען בֵּיי אַן אֱמֶת׳עֶר צַדִּיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אֵיינֶעם וָואס קֶען דֶעם טַעַם פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֶוען יֶענֶער דָאס גְלַייךְ שְׁפִּירְן, וַוייל עֶר וֶועט שְׁפִּירְן אִין דִי לוּפְט דֶער טַעַם פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דוּרְךְ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים אֱמֶת׳ן צַדִּיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

(סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, חֵלֶק שֵׁנִי, סִימָן ז׳)

>>>>>> אומאן ראש השנה

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן הֶערְט צוּ וָואס אִיךְ רֶעד. פַּאר אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא״שׁ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט בְּרֶסְלֶבּ׳עֶ חֲבֵרִים אוּן מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאבּ אַלְץ נָאכְגֶעקוּקְט דִי בְּרֶסְלֶבּ׳עֶר חֲסִידִים, אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעווֹאוּסְט אַז עֶפֶּעס אֱמֶת הָאבְּן זֵיי, אִיךְ הָאבּ גֶעווֹאוּסְט אַז זֵיי הָאבְּן עֶפֶּעס אַ סוֹד פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶער אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תְּרוּמוֹת א, ג): ״סְתָם חֵרֵשׁ - שֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר״, טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ס) פַארְוָואס רֶעדְט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל עֶר אִיז ׳אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ׳ בְּקוֹל צַדִּיקִים, אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִּיקִים - אִיז מֶען אַן ׳אֵינוֹ מְדַבֵּר׳, מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶער אַז מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִּיק, גֶעבְּט דֶער צַדִּיק אַרַיין אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא נֶעבְּן מִיר, דִי לִיפְּן עֶפֶענֶען זִיךְ, אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז, עֶר זִיצְט אִין שְׁטוּבּ, עֶר לִיגְט אִין בֶּעט, עֶר דְרֵייוְוט אַ קַאר, אָדֶער עֶר גֵייט אִין גַאס, מַאךְ שְׁטִילֶערְהֵייט מִיט דִי לִיפְּן, קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט, זָאג: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וויל גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ״. מֶען דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ מֶען אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן, אוּן מֶען בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן וָואס עֶס טוֹיג נִישְׁט, זַיי מִיר מוֹחֵל אֵייבֶּערְשְׁטֶער״, ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל גֵיין דַאוֶונֶען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל לֶערְנֶען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ קְרִיג זִיךְ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיךְ וִויל זַיין אַ רוּאִיגֶער מֶענְטְשׁ״. מֶען רֶעדְט וַוייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף כַּאפְּן דִי בָּאס, אִיךְ דַארְף כַּאפְּן דִי פְלִיגֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע זִיץ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע וֶועג, אִיךְ דַארְף יֶעצְט בַּאצָאלְן אַלֶע חוֹבוֹת פוּן דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי זִיךְ אַהִין צוּ טוּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַלֶעס קֶענֶען בַּאצָאלְן״.

״אָבֶער תַּכְלִית גֶערֶעדְט, פוּן וואוּ וֶועל אִיךְ הָאבּ גֶעלְט אוֹיף יוֹם טוֹב?״ - בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז תַּכְלִית! עֶס אִיז פַארְקֶערְט וִוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן; אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט ׳אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען מַאכְן גֶעלְט, אִיךְ גֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין פְּלַאן זָאל מַצְלִיחַ זַיין׳, אָבֶער דֶער עִיקָּר יְשׁוּעָה קוּמְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן וואוּ זַיין יְשׁוּעָה וֶועט קוּמֶען, אוּן עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ אִיךְ דַארְף אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ דַארְף אוֹיסְשְׁטָאפִּירְן מַיין שְׁטוּבּ, אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע״, ״הֶעלְף מִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ וִויל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער״.

דָאס אִיז דֶער עִיקָּר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אַז מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען דָאס מִיט נֶעמֶען אוֹיפְ׳ן גַאנְצְן יָאר, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף.

### זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט מִצְוֹת

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אַן עִיקָּר; זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט קִיּוּם הַמִּצְוֹת, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ פֵּיאוֹת, אַ בָּארְד, אַ קַאפְּל, צִיצִית, תְּפִילִין, אִיךְ הִיט שַׁבָּת. דָאס וָואס מֶען זֶעט לֵיידֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס דַאוֶונֶען נִישְׁט אוּן טוּעֶן נִישְׁט אָן קַיין תְּפִילִין, דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז דִי זַאכְן זֶענֶען חָשׁוּב, מֶען הָאט אִים נָאר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז ׳הוּנְדֶערְט בְּלַאט גְמָרָא׳ אִיז חָשׁוּב, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ ׳אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִישְׁט זַיין אַ לַמְדָן׳ וָואס זָאל אִיךְ טוּן?! זָאג אִים וִוי חָשׁוּב עֶר אִיז מִיט זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת! דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי׳ן אַן עִיקָּר. פְרֵיי זִיךְ מִיט ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי׳, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, וִוי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִיךְ בִּין, וִוי פַארְשְׁמִירְט אִיךְ בִּין, אִיךְ בִּין אַ פָּגוּם, אָבֶער אַ אִיד בִּין אִיךְ! אִיךְ בִּין גֶע׳מַל׳עֶט, אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס, אַז אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין דִי אֱמוּנָה אִין זִיךְ, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט עֶר שׁוֹין מְחִילַת עֲווֹנוֹת! מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעזָאגְט בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אִין יֶעדֶע בְּרִיוו, וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): ״עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ״, אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעקוּקְט עֲבֵירוֹת, אָדֶער גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, אָדֶער עֶר אִיז אַ חוֹטֵא וּמַחְטִיא, נִישְׁט קַיין

<<<<<<

<<<<<< אומאן ראש השנה

חִילוּק וֶועלְכֶע נָאמֶען מֶען וֶועט אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף אִים, אִיז דָא אַן עֵצָה פַאר אִים, עֶר זָאל גְלֵייבְּן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוּן עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, - אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שׁוֹין מוֹחֵל אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁנֶעלֶע תְּשׁוּבָה, אָבֶער אַ שְׁוֶוערֶע, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלָן אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֲבֵירוֹת פַארְלֶעשְׁט דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כב): "הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בָּאָדָם", עֲבֵירוֹת בְּרֶענְגְט כְּפִירָה.

וָואס אִיז יָא דִי עֵצָה צוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה? דִי עֵצָה אִיז צוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן מו) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט קַשְׁיוֹת, סְפֵקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי עֵצָה עֶר זָאל שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דָאס וָוארְט 'קַשְׁיָא' אִיז (תְּהִלִּים כז, ז): "שְׁ'מַע ה' קְ'וֹלִי אֶ'קְרָא", אוֹיבּ מֶען הָאט קַשְׁיוֹת, זָאל מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן קַיין סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין דִיר".

אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִיז מֶען אַ גֶעבֶּענְטְשֶׁער מֶענְטְשׁ! אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כח, כ): "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת". וַוייל אַפִילוּ עֶס טוּט מִיר עֶפֶּעס וֵויי, וֵוייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל מִיךְ נִישְׁט וֵויי טוּן.

אַז מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען דָאס מִיט נֶעמֶען אוֹיפְ'ן גַאנְצְן יָאר, זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ, אוּן אַרַיין נֶעמֶען אֱמוּנָה אִין זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַהֵיים גֵיין מִיט נְקוּדוֹת אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, מִיר זָאלְן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דִי מִצְוֹת וָואס אִיךְ טוּ, זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת. מִיר הָאבְּן שׁוֹין נֶעכְטְן גֶערֶעדְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס שְׁנַיידְט דִי בָּארְד שְׁנַיידְט זַיין פַּרְנָסָה, וֶוער עֶס שְׁנַיידְט דִי פֵּיאוֹת שְׁנַיידְט זַיין שֵׂכֶל"; מֶען דַארְף דָאס חַזְרְ'ן מִיט דִי קִינְדֶער. פַארְוָואס זָאלְן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זִיךְ צִיפְּן דִי בָּארְד, וִוי וֶועמֶען ווִילְסְטוּ אוֹיסְקוּקְן? וִוי אַ זִינְגֶער?! - וֶוער עֶס שְׁנַיידְט דִי בָּארְד שְׁנַיידְט זַיין פַּרְנָסָה! אַ בָּארְד אִיז שֵׁיין! אַ בָּארְד אִיז זִיס!

רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן קוֹל, "אַ מְחַיֶה אִיךְ הָאבּ אַ קַאפְּל! אַ מְחַיֶה אִיךְ הָאבּ צִיצִית! וָואס אִיךְ בִּין - בִּין אִיךְ, אָבֶער צִיצִית הָאבּ אִיךְ! אַ מְחַיֶה אִיךְ הָאבּ אַ מְזוּזָה!", וֶוען אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ קוּשׁ אִיךְ דִי מְזוּזָה, אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין הַיינְט", וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים קוּשׁ אִיךְ נָאכְאַמָאל דִי מְזוּזָה אוּן אִיךְ זָאג: "שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים בְּשָׁלוֹם".

טַייעֶרֶע טַאטֶעס! אַז אִיר הָאט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דַארְפְט אִיר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן קוֹל, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן הֶערְן, אַנְשְׁטָאט דִי קִינְדֶער זָאלְן הֶערְן זַיין טַאטֶע שְׁרֵייט, רֶעדְט פָּאלִיטִיק, רֶעדְט קֶעגְן אַנְדֶערֶע, וָואס דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ פַאר קִינְדֶער צוּ הֶערְן, זָאלְן זֵיי הֶערְן וִוי דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען קוּמְט צוּרִיק אַרַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער זָאגְט מֶען זֵיי: "לָאמִיר קוּשְׁן דִי מְזוּזָה אוּן זָאגְן 'שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר זֶענֶען אַהֵיים גֶעקוּמֶען'", נֶעם צוּזַאם דַיינֶע קִינְדֶער מַאךְ תְּפִילוֹת צוּזַאמֶען מִיט זֵיי. אוּן אוֹיבּ דוּ הַאלְסְט אִינְמִיטְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דַיין זוּן ווִיל דִיר וַוייזְן זַיין שֵׁיינֶע שְׁפִּילְצֵייג וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט, זָאג אִים: "טַאטִי קֶען נִישְׁט יֶעצְט קוּקְן, טַאטִי רֶעדְט יֶעצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!" אַזוֹי גֵייט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

(מִתּוֹךְ דְּרָשַׁת נְעִילַת הֶחָג, מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ"ג)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וֶועלְכֶע זַאכְן זָאל אִיךְ אַרוֹיסְזָאגְן בֵּיי "וִידּוּי דְבָרִים"?

**שְׁאֵלָה:**

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן "וִידּוּי דְבָרִים". אַלֶעמָאל וֶוען אִיךְ ווִיל זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, סְפֶּעצִיעֶל בַּיים צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, וֶוען אִיךְ פְּרוּבִּיר אִיבֶּערְצוּגֵיין מַמָּשׁ אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אִין לֶעבְּן, דֶערְמַאן זִיךְ פִילֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אִין מַיין לֶעבְּן, אוּן אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ זָאגְן אָבֶער עֶס קוּמְט אַרוֹיף זֵייעֶר שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעקוּקְט, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מִיר אַרַיין פוּן פְרִישׁ שְׁלֶעכְטֶע הִרְהוּרִים, אִיךְ וֶוער פוּן פְרִישׁ נִכְשָׁל אוּן טְרַאכְטְן פוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אוּן דָאס מַאכְט מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶועלְן זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין בִּכְלַל, אִיךְ וִויל נִישְׁט נָאכְאַמָאל טְרַאכְטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

שׁוֹין צְוֵויי יָאר וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעוָואלְט פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער דֶעם, אָבֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָּשׁוּט גֶעשֶׁעמְט. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אָבֶער בַּאשְׁלָאסְן אַז גֶענוּג גֶעוַוארְט, אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֵיין, אוּן אִיךְ גֵיי פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס מֶען טוּט אִיבֶּער דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אוּן אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען אוֹיסְקְלָארְן אוּן וַוייזְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג אִין דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

זָאג אַרוֹיס אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט פוֹגֵם גֶעוֶוען בְּמַחְשָׁבָה, דִיבּוּר וּמַעֲשֶׂה, אֲפִילוּ עֶס קוּמְט אַרַיין נָאכְאַמָאל דִי מַחְשָׁבוֹת פוּן עֲבֵירוֹת וְכוּ' וְכוּ'; וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ד'), אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט - גֵייט אַרַיין דִי עֲבֵירָה אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן נָאר דוּרְךְ אַרוֹיסְזָאגְן דִי עֲבֵירוֹת לִפְנֵי תַּלְמִיד חָכָם, פַארְן צַדִיק - גֵייעֶן אַרוֹיס דִי עֲבֵירוֹת אוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע צֵירוּף וָואס אִיז אַיינְגֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דִי מַלְכוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁפִּירְן טַעַם עוֹלָם הַבָּא.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן נח), עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד, וָואס פְלֶעגְט גֵיין צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶער אִיד אִיז לֹא עָלֵינוּ קְרַאנְק גֶעוָוארְן, דֶער אִיד הָאט גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב בֶּעטְן עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אִים, וְכֵן הֲוָה, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעפָארְן מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין, אוֹיפְן וֶועג הָאט דֶער שָׁלִיחַ גֶעפְרֶעגְט דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב: "אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אַז אוֹיבּ מֶען טוּט אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה וֶועט מֶען זִיכֶער נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פַאר דִי צַייט, אוֹיבּ אַזוֹי וִוי קֶען זַיין אַז דֶער חוֹלֶה צוּ וֶועם מִיר פָארְן יֶעצְט עֶר הָאט דָאךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וִוי קֶען זַיין עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן פַאר דִי צַייט?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס אִיז טַאקֶע וָואר דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט, אַז אוֹיבּ מֶען טוּט אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה וֶועט מֶען נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פַאר דִי צַייט אוּן עֶס אִיז אוֹיךְ וָואר אַז דֶער אִיד הָאט אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִתְוַדֶה גֶעוֶוען פַארְן אֱמֶת'עֶר צַדִיק, דֶערִיבֶּער קֶען עֶר נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט, אוּן דֶערְפַאר פָאר אִיךְ צוּ אִים כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְוַדֶה זַיין פַאר מִיר, אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין פַאר מִיר וֶועט עֶר גְלַייךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן מִתְוַדֶה זַיין - וֶועט עֶר וֶוערְן נָאךְ מֶער קְרַאנְק אוּן עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן 'גֶעוַואלְד, וֵויי וֵויי' - פוּן גְרוֹיס וֵוייטָאג, בִּיז עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן, אוֹיבְּן

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

אִין הִימְל רֶעכְנְט מֶען אִים נִישְׁט דִי עֲבֵירוֹת וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אוּן אוֹיךְ נָאכְן שְׁטַארְבְּן וֶועלְן דִי קְלִיפּוֹת אוּן דִי חִיצוֹנִים נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם כֹּחַ אוֹיף אִים וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אָבֶּער ווִי לַאנְג עֶר לֶעבְּט נָאךְ וֶועלְן דִי חִיצוֹנִים זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין אִים".

וְכֵן הֲוָה, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אִים גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "זָאג מִיר דַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס דוּ וֵוייסְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אוּן אוֹיךְ אִיךְ וֵוייס", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דְרֵיי מָאל, אָבֶּער דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי" - אוֹיף זַיינֶע וֵוייטָאג וַוייל זַיינֶע גְלִידֶער הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן בִּיז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן.

דַארְפְסְט נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז דוּ קוּמְסְט קַיין אוּמַאן צוּ מְקַיֵּים זַיין וִידּוּי דְּבָרִים לִפְנֵי תַּלְמִיד חָכָם, קֶענְסְט שׁוֹין יֶעצְט - וֶוען דוּ בַּאקוּמְסְט דִי בְּרִיוו - זִיךְ פַארְמַאכְן דִי אוֹיגְן אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בְּמַחְשָׁבָה – אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, וּבַדִּיבּוּר – אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע רֵייד, וּבְמַעֲשֶׂה – אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

פַארְמַאךְ דַיינֶע אוֹיגְן אוּן זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל דִיר דֶערְצֵיילְן מַיינֶע מַעֲשִׂים, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק ווִי אִיךְ בִּין אַזוֹי גֶעפַאלְן, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס דִי בּוּשָׁה, אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן, וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מִיר? אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ רֵיינֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה אוּן דָאס אַזוֹי פַארְשְׁמִירְט מִיט מַיינֶע פְּגָמִים, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן ... אוּן גֶעטְרַאכְט ... אוּן גֶערֶעדְט ...; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ מַאךְ יֶעצְט וִידּוּי דְּבָרִים פַאר דִיר, בֶּעט אִיךְ דִיר, נֶעם אַרוֹיס מַיינֶע עֲבֵירוֹת פוּן מַיינֶע בֵּיינֶער אוּן מֹחַ מַחְשָׁבָה, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמֶת'עֶ תְּשׁוּבָה, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תֵּצֵא תשפ"ד)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קעז)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי אִיז מְגַלֶּה דֶעם "מְגִילַּת סְתָרִים", גֶעוַואלְדִיגֶע סוֹדוֹת וָואס וָואס פַּאסִירְן בִּיז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, רֶבִּי נָתָן גֶעבְּט אִיבֶּער דִי סוֹדוֹת פַאר זַיין תַּלְמִיד מוּבְהָק רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זי"ע.**

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זי"ע הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר זַיין זוּן רֶבִּי אַבְרָהָם זי"ע, אוּן רֶבִּי אַבְרָהָם זי"ע הָאט קוֹדֶם גֶעזֶען ווִי ר' אַייזִיקְל פוּן אוּמַאן אִיז אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּ הֶעלְפְן אִין אַלֶע עִנְיָנִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי סוֹדוֹת פוּן מְגִילַּת סְתָרִים, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף דֶעם, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר אִיז נִישְׁט רָאוּי פַאר דֶעם, כָאטְשׁ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל צְדָקָה, אָבֶּער מֶען טָאר דָאס נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן פַאר אַ פְרֶעמְדְן, אוּן דֶעריבֶּער הָאט עֶר מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע יָאר אַז ר' אַייזִיקְל זָאל פַארְגֶעסְן וָואס עֶר הָאט אִים מְגַלֶּה גֶעוֶוען, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, וֶוען רֶבִּי אַבְרָהָם זי"ע אִיז גֶעקוּמֶען אַ יָאר שְׁפֶּעטֶער פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיט ר' אַייזִיקְל אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער אַז עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט. שְׁפֶּעטֶער הָאט ר' אַבְרָהָם זי"ע עֶס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר ר' ...., אוּן ר' ... הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר ר' ...., דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער ר' אַייזִיקְל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּ הֶעלְפְן אַלֶע זַאכְן פַאר'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. עֶר הָאט גֶעטֵיילְט צְדָקָה מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַאנְט פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעבּוֹיעֶט דִי קְלוֹיז אִין אוּמַאן צוּם דְרִיטְן מָאל מִיט זֵייעֶר שֵׁיינֶע שְׁטֵיינֶער, [דֶער בִּנְיָן שְׁטֵייט נָאךְ בִּיז הַיינְט, אוּן עֶס דִינְט אַלְס אַייזְן פֶּעקְטָארִי פַאר דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע רוּסְן, עֶס אִיז זֵיי גֶעוֶוען אַ שָׁאד צוּ צֶעוָוארְפְן, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא שֵׁיינֶע אוּן שְׁטַארְקֶע בִּנְיָן].

אִין אָנְהוֹיבּ אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן, אֵיינְמָאל אִיז עֶר אַרוֹיף צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט זִיךְ דָארְט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעוֵויינְט זַיין בִּיטֶער הַארְץ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּם רֶבִּי'ן, "רֶבִּי, אִיךְ וָואס אִיר ווִילְט מַאכְן פוּן מִיר [אַז עֶר זָאל זַיין אַן אָרֶעמַאן], אָבֶּער אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט אִיבֶּערְטְרָאגְן", אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ דָארְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעוֵויינְט. אוֹיפְ'ן וֶועג אַרָאפּ פוּן צִיּוּן הָאט עֶר בַּאגֶעגְנְט אַ גֶעווִיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן יֶענֶער הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר ווִיל קוּמֶען אַרְבֵּייטְן בַּיי אִים, עֶר הָאט גְלַייךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דָארְט אַרְבֵּייטְן, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַאר דֶעם עוֹשֶׁר.

ר' אַייזִיקְל הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אַז עֶר ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צוּ מְקַיֵּים זַיין דֶער רָצוֹן פוּן רֶבִּי'ן אַז מֶען זָאל זַיין כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אוּן אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעפוּנֶען חֵן בַּיי דֶעם עוֹשֶׁר, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעפִירְט אַז דֶער עוֹשֶׁר הָאט גֶעדַארְפְט פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וַוייל אֵיינֶער פוּן זַיין וַוייבְּ'ס מִשְׁפָּחָה אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן דִי יוֹרְשִׁים ווִי אַזוֹי צוּ צֶעטֵיילְן דִי יְרוּשָּׁה אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם עוֹשֶׁר עֶר זָאל קוּמֶען מַאכְן אַ פְּשָׁרָה צְווִישְׁן זֵיי, אַזוֹי ווִי עֶר אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע הוּנְדֶערְטֶער אַרְבֵּייטֶער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן צוּ שִׁיקְן ר' אַייזִיקְל אַנְשְׁטָאט אִים, עֶר הָאט אִים אוֹיסְגֶעצָאלְט דִי גַאנְצֶע רֵייזֶע אוֹיף אַהִין אוּן אוֹיף צוּרִיק, אוּן אַזוֹי הָאט ר' אַייזִיקְל זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

---

## ביהמ"ד "היכל הקודש" ברסלב

**בליצרקובסקיה 28 - אומאן**

## זמנים לראש השנה תשפ"ה

### ערב ראש השנה

סליחות ליל זכור ברית.......................1:00

פדיון נפש נאך סליחות

שחרית ערב ראש השנה.....7:00 און ווייטער

פדיון נפש נאך שחרית

### ראש השנה

זמן הדלקת הנרות......................6:15

מנחה......................................6:15

שחריתביידע טעג.......................8:00

תקיעת שופר דרשה.....................11:30

מוסף ביידע טעג.........................12:00

תשליך (ערשטע טאג)....................5:00

מנחה ערשטע טאג........................5:45

דרשה ביידע טעג..........................6:15

### שבת שובה פרשת האזינו

זמן הדלקת הנרות........................6:15

מנחה וקבלת שבת.........................7:30

באטע פרייטאג צו נאכטס נאך די סעודה

שחרית......................................9:30

קידושא רבה מיט סיפורי מעשיות נאכ'ן דאווענען

מנחה ושלש סעודות.......................6:30

זמן מוצאי שב"ק..........................7:41

---


## ימים נוראים

**שיעורים, דרשות, לימודים, נוסח, מעשיות, און נאך, א גוטע הכנה צו די הייליגע און פרייליכע טעג, ראש השנה, יום כיפור, און סוכות**

## קול ברסלב

**212-444-9191**

**1, 1, 9**

---

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידו"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

---

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

---

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **/chizikyomi@gmail.com** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >